בס"ד

# אבן מקיר תזעק

## אידישע צרות אין אַמעריקע און טעראריסטישע באמבעס אין ארץ ישראל - ווער איז שולדיג אין דעם אלעם.

כה אמר ה' עשו משפט וצדקה והצילו גזול מיד עושקו וכו' (ירמי' כ"ב ג').

אשמיהם של ישראל תלויים בראשי דייניהם

(ילקוט שמעוני יחזקאל רמז שמא. דברים רמז תתב).

סתירה מקובץ **"שעל יד "מכון להוראה"**

לבית דין צדק **"שעל יד "מכון להוראה"**

**במאָנסי, נוא-יאָרק**

בקובץ איתא

**שלא לדון בבוררות**

ובבית דין שלהם

**כופין לדון בבוררות**

### בעזרת השם יתברך

# אידישע צרות אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל

## כה אמר ה׳ עשו משפט וצדקה והצילו גזול מיד עושקו וכו׳ (ירמי׳ כ״ב ג׳).

**אשמיהם של ישראל תלויים בראשי דייניהם (ילקוט שמעוני יחזקאל רמז שמא. דברים רמז תתב).**

**דער בד״צ שעל יד ״מכון להוראה״ פון מאָנסי, ניו-יאָרק פאַרקויפט זיך פאַר געלט**

---

די גמרא זאָגט אין מסכת שבת (דף קל״ט ע״א): אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל, שכל פורענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל . . ואין הקב״ה משרה שכינתו על ישראל עד שיכלו שופטים ושוטרים רעים מישראל כו׳*.

אזוי ווי תמימות׳דיקע אידן מיינען נאָך, אַז דער ״בית-דין צדק שעל-יד מכון להוראה״ פון מאָנסי איז ערליך און כשר - ווילן מיר מודיע זיין לעיני כל העם זיך אַכטונג צו געבן פון זיי און נישט אָנרירן זיך אין זייער קלאַמקע, ווייל ליידער טראָגן זיי שוין דעם זעלבן פנים ווי אַלע אַנדערע אָפּגעפּאָרענע ״בתי-דינים״. עס איז דאָרט ממש הפקר-וועלט.

אויב איר ווילט איר וויסן ביישפּילן פון לעצטנס - וועלן מיר אייך דאָ געבן עטליכע ביישפּילן, בקיצור:

א) אַ בעל-דין מיט אַ סך געלט קען זיך ״דורכשמועסן״ מיט די דיינים פון פאָראויס...

ב) מען קען די דיינים אונטערקויפן אַרויסצוגעבן די צווייטע און דריטע הזמנות, אויך דאָרט וואו דער בעל-דין פאָלגט אַלעס און אומשולדיקערהייט זעט ער זיך פּלוצלונג אין 24 שעה מיט צוויי נייע הזמנות, כדי אַזוי אַרום זאָל דער ״בית-דין״ קענען אים שיקן גלייך אַ ״כתב-סירוב״, אָן קיין שום טעם. (זעט, ביטע, אויף זייט 2 די פאָטאָסטאַטן פון די צוויי הזמנות).

---

* ובחדא״ג מהרש״א שם כתב, וז״ל: ונראה ע״פ מה שכתבנו בריש פ״ק דב״ק, שפורענות אש היא הקשה שבכל פורענות, שמכלה את הכל . . עיי״ש באורך. ולזה אמר שכל פורעניות וכו׳, היינו פורעניות אש הכולל כל פורעניות שהוא מכלה הכל, לא באה אלא בשביל דיינים, כמו שהי׳ בסדום, כמפורש פ׳ חלק, והוא הטעם שהדין ישר הוא קיומו של עולם, וההיפך המעוות משפט הוא מהרס קיומו של עולם, והי׳ ראוי לבוא עליהם פורענות זה המכלה הכל כו׳. עכ״ל.

ובזוהר רע״מ פ׳ משפטים (דף קי״ז ע״א), איתא, וז״ל: כל דיין דלא דן דין אמת לאמיתו, דא איהו כאילו אשליט סמא״ל בעלמא . . ויקים גיהנם, בת זוגי׳ דסמא״ל, עם סמא״ל . . ובג״ד כד דיין דן דין, גיהנם פתוחה לפניו משמאלו, בת זוגיה דסמא״ל, וחרב על צוארו, מלאך המות, סמא״ל מאחורי מעל צואריה, וגן עדן פתוח לימיני׳, ועץ החיים פתוח לקמי׳, על רישי׳. אי דן דינא דשקרא שליט עלי׳ מלאך המות ושחיט לי׳, ולבתר אוקיד לי׳ בגיהנם, ואי דן דין אמת, קוב״ה ייעול לי׳ לגן עדן ואטעים לי׳ מאילנא דחייא כו׳, עכ״ל.

והנה ידוע בשם הנודע ביהודה זצ״ל, שכל הנוגע ברכוש בנ״י בגלות (ע״י עיוות הדין), ה״ז כנוגע בבבת עינו, ומי שמציל רכוש ישראל (ע״י משפט אמת), הרי זה כאילו הציל כל כלל ישראל. ובמס׳ סנהדרין (דף ז׳ סע״א) איתא: כל דיין שנוטל מזה ונותן לזה שלא כדין, הקב״ה נוטל ממנו נפשו.

ולכן כאשר בעל ״חקרי לב״ ישב לדון בין איש ובין רעהו, הי׳ מסתכל מידי פעם בקלף ה״שויתי״, באמרו שמעשה זה מגין עליו, שלא תצא תקלה מתחת ידו.

וראה באריכות גדול בספר המשפט בישראל כהלכתה, בענין דיני תורה, שהבערופוס בוררים והטוענים, איך שגוזלים וחומסים את הכלל ישראל רח״ל.

ועי׳ שו״ת שבט הלוי, חלק ח׳, חו״מ דף רס״ז.

ג) ביים דעם ״בית-דין צדק״ שעל יד מכון להוראה פון מאַנסי קענט איר, פאַר אַ ״גוטן פרייז״, קויפן הזמנות און עיקולים (פונקט ווי מען קויפט ברויט מיט מילך), וכל (בעל-דין) הקודם זכה...

ד) אין דעם ״בית-דין צדק שעל יד מכון להוראה״ פון מאַנסי איז נישטאָ קיין שום ערנסטער בעל-אחריות, צו וועמען מען קען זיך ווענדן.

ה) דער ״בית דין צדק שעל יד מכון להוראה״ פון מאַנסי האָט מפרסם געווען אין זייער זשורנאַל (קובץ משיב הלכה), אַז בוררות הייַנט צו-טאָג איז טריפה און פאַרפוילט, און אַזוי האָבן געפסק׳נט אויך הגאון ר׳ שמואל הלוי וואָזנער שליט״א; הגאון ר׳ משה שטערן מדעברעצין שליט״א און הגה״ק מסאַטמאַר זצ״ל. און דער ״בית דין צדק שע״י מכון להוראה״ אַליין שטופט די בעלי-דין צו גיין צו בוררות (זעט דעם בייגעלייגטן פּאַטאָסטאַט).

ו) הרב ... ... , דער סעקרעטאַר פון דעם ״בית דין צדק שע״י מכון להוראה״, רעדט צום בעל-דין מיט אַ גלאַט צינגל און שמייכלט צו אים, און אין דער זעלבער צייט שטעכט ער אים אַריין ״אַ מעסער אין רוקן״... דער סעקרעטאַר וועט מסביר-זיין דעם בעל-דין, ווי גוט און פיין עס איז צו טאָן אַזוי און אַזוי; ער וועט צוזאָגן דעם בעל-דין גאָלדענע בערג, און אין דער זעלבער צייט וועט ער אים גוט טיף באַגראָבן. אגב, דער סעקרעטאַר, זאָגט, אַז אַלץ וואָס ער רעדט איז אין נאָמען פון די רבנים פון בד״צ.

ז) אויב איר ווילט אַ כשר׳ן און ערליכן בית-דין; אַ בית-דין וואו מען קען פאַרטרויען ערליך און פאַרלעסליך דעם סעקרעטאַר און די דיינים - דאַן לויפט אַוועק פון דעם ״בית דין צדק שעל יד מכון להוראה״ פון מאַנסי וואָס פריער, ווי שנעלער און וואָס ווייטער...

ח) ווער עס ווייסט נאָך אינפאָרמאַציע וועגן די מעשים תעתועים פון דעם ״בית דין צדק״ שעל יד מכון להוראה פון מאַנסי, ווערט געבעטן צו רופן דעם פאָלגענדן נומער, ויהי׳ בזה ממזכי הרבים.

ביטע רופט: **(718) 436-8086**.

ביטע קלינגט בלויז אויב איר האָט פאַרלעסליכע אינפאָרמאַציע.

ט) ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויך מודיע זיין, אַז דער ״וועד להגנה על משפטי ישראל שעל יד בית-דין צדק דקהל האַלמין״ אין באָראָ פּאַרק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן שוין פון לאנג, שטייט נאָך אין פולן קראַפט, אויפצונעמען קלאַגעס קעגן פאַלשע דיני-תורה און בכלל די באַנעמונג צו בעלי- דינים שלא עפ״י תורה. אַלע מעגליכע שריט וועלען בע״ה אָנגענומען ווערן צו צוימען די איבלען. ווער עס האָט אַ קלאַגע, קען זיך ווענדען שריפטליך אדער טעלעפאָניש צום וועד, אויפן פאָלגענדן אַדרעס:

**4711 12th Ave, Apt. A5, Brooklyn, N.Y. 11219**

**(718) 436-8086**

ונסיים בטוב: מיר בעטן און האָפן אַז עס זאָל שוין נתעורר ווערן דאָס גרויסע רחמנות פון ד׳ יתברך אויף דעם שארית הפליטה פון כנסת ישראל, וואָס האָט שוין בעוה״ר אַזויפיל דורכגעמאַכט צרות און ליידען מיט אַלע מיני פלאָג בגוף ובנפש במשך די טויזענטער יאָרן גלות, און אויך גזירות רעות השמדות והריגות

און רדיפות צווישען די אַלע גוים רשעים מנוולים ורוצחים, און אויך די שכינה הק' איז דאָך מיט אונז אין גלות (מגילה כ"ט.) וואָס ליידט און קרעכצט מיט מיט אַלע צרות ישראל. זאָל שוין נעמען אַ עק צו די אַלע צרות, און צום אידיש בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסען, ושבתי בשלו' אל בית אבי, ביתי יבנה בה, עס זאָל שוין נתרומם ווערן קרן התורה וישראל, און מיר זאָלן שוין אַלע אינאיינעם זוכה זיין צו זעהן בקרוב בישועתן ובשמחתן של ישראל מתוך נחת והרחבה בביאת גואל צדק במהרה בימינו אכי"ר.

**הק' שלו' יהודה גראס**

אבדק"ק האלמין יצ"ו

ברוקלין, נוא-יארק

נ.ב.

די פאָלגענדע צוויי הזמנות לדין (די צווייטע און די דריטע), זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן איינע נאָך די אַנדערע! די צווייטע הזמנה איז דאַטירט ו' אדר תשנ"ו, און די דריטע איז דאַטירט אויף מאָרגן - ז' אדר תשנ"ו)!

רבנים פון אַנדערע בתי-דינים האָבן זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט הרב ... ... ... , דער סעקרעטאַר פון "בית דין צדק שעל יד מכון להוראה" אין מאָנסי, און אים פאָרגעוואָרפן: היתכן, אַז דער בית-דין צדק פון "מכון להוראה" האָט אַרויסגעגעבן צוויי הזמנות איינע נאָך די אַנדערע, אָן צו געבן אַ געלעגנהייט צום בעל-דין צו ענטפערן אויף דער פריערדיקער הזמנה.

אויך האָבן די רבנים פון די אַנדערע בתי-דינים געטענה'ט צו הרב ... פון "בית דין צדק שעל יד מכון להוראה", אַז דער נתבע פאַרהאַנדלט מיט עטליכע בתי-דינים צוזאַמענצושטעלן אַ כשר'ן בית-דין צו פירן דעם דין-תורה; אַ זאַך וואָס דער "מכון להוראה" און הרב ... האָבן וועגן דעם געוואוסט, וואָרום פאָרשטייער פון לכל-הפחות צוויי בתי-דינים האָבן זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט הרב ... , אים צו מעלדן וועגן דעם, אַז דער נתבע האָט זיך צו זיי געוואָנדן וועגן דער אָנגעלעגנהייט, און אַז זיי אַרבעטן צוזאַמענצושטעלן אַ בית-דין, און זיי האָבן מודיע-געווען הרב ... ין, אַז דער נתבע האָט זיך אונטערגעשריבן "שטרי בירורין", אַז ער איז מוכן צו גיין צו אַ דין-תורה (און זיי האָבן זיי גע"פאַקסיט" דעם "שטר בירורין").

[אגב, דער "בית דין צדק שעל יד מכון להוראה" פון מאָנסי אַליין, אין זיין צווייטע הזמנה (פון ו' אדר תשנ"ו) באַציט זיך צו דעם, אַז דער נתבע האָט זיך פאַרבונדן מיט אַנדערע בתי-דינים. דער בית-דין שרייבט דאָרט, צווישן אַנדערן, אַז "כבי' בירר ביד"צ . . לדון בזה", נאָר היות עס האָט זיך דעם נתבע נישט איינגעגעבן דאָס צו אַראַנזשירן, דעריבער שיקן זיי אים די דאָזיקע צווייטע הזמנה לדין-תורה].

לויט דעם אַלעם אויבנדערמאָנטן, האָבן די אַנדערע בתי-דינים געהאַט שטאַרקע טענות צו הרב ... , דער "ספרא דדיינא" פון דעם "בית דין צדק שעל יד מכון להוראה" פון מאָנסי, היתכן, אַז כאָטש ער ווייס דאָס אַלץ, פונדעסטוועגן האָט ער זיך "אונטערגעיאָגט" און אַרויסגעגעבן (ווייזט-אויס, לויט דער בקשה פון דעם תובע) אַ דריטע הזמנה?!

לויט ווי די פאָרשטייער פון די אַנדערע בתי-דינים האָבן זיך דערוואוסט (פון זייער געשפרעך מיט הרב ... ), איז שוין אין דעם זעלבן מעת-לעת פון דער לעצטער הזמנה - האָט שוין דער "בית דין צדק שעל יד מכון להוראה" פון מאָנסי צוגעגרייט אַ כתב-עיקול מיט אַ כתב סירוב, וויסנדיק, מן הסתם, אַז דער בעל-

דין (דער נתבע) וועט נישט באַווייזן אין צייט אָפּצוענטפערן די (צווייטע און) דריטע הזמנה! און ווען נישט דער שנעלער אָפּרוף פון איינעם פון די בתי-דינים, וועלכער האָט אָנגעשריבן צוויי שאַרפע בריוו צום "מכון להוראה", און אַרויסגעשיקט אַ פאָטאָסטאַט פון דעם (דורך פאַקס) צו צענדליקער רבנים און בתי-דינים איבער גאַנץ אַמעריקע, און כתוצאה פון דעם, האָבן זיך רבנים פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט הרב ... פון "מכון להוראה", מיט דער טענה היתכן ער באַגייט אַזאַ עוולה קעגן דעם נתבע! - ווען נישט דאָס אַלעס, ווער ווייסט וואָס וואָלט אָפּגעהאַלטן דעם "מכון להוראה" פון אַרויסצוגעבן זייער כתב-סירוב און כתב-עיקול גלייך אויף מאָרגן.

און נאָך עפּעס: דער בד"צ פון מאָנסי איז מודיע דעם נתבע, אַז "על כבי' לברור בידי"צ המרוצה לשני הצדדים, או לקחת בורר וידונו בבי"ד של זבל"א". נו פרעג איך ביי אייך: ווי קען אַ נתבע ערליידיקן די אַלע אויבנדערמאָנטע אַראַנזשירונגען אין איין טאָג?! און וויבאַלד אַז אַזאַ זאַך איז מן הנמנע ביי א בו"ד - איז היתכן, אַז גלייך אויף מאָרגן גיט דער בית-דין פון "מכון להוראה" אַרויס אַ דריטע הזמנה (און גלייך נאָכדעם גרייט ער זיך אַרויסצוגעבן א "כתב סירוב" און "כתב עיקול"?!).

אגב, אויך די צווייטע (ערשטע) הזמנה איז גענצליך נישט אויסגעהאַלטן: ווי אַזוי קען דער "בית דין צדק שעל יד מכון להוראה" פון מאָנסי נוצן דעם זעלבן בריוו אין וועלכן זיי זענען מודיע דעם נתבע, אַז ער דאַרף זוכן אַ "ביד"צ המרוצה לשני הצדדים וכו'" - דעם זעלבן בריוו נוצן אַלס אַ "הזמנה שני' לדי"ת"?! - דאָס איז דאָך תרתי דסתרי: אויב דער בית-דין פון מאָנסי גיט דעם נתבע די מעגליכקייט אויסצוקלייבן זיך אַ בית-דין "המרוצה לשני הצדדים" - איז ווי קען ער אים אין דעם זעלבן אָטעם תיכף שיקן אַ "הזמנה שני'" צו קומען לדין-תורה. און בכלל האָט דאָ קיין אָרט נישט אויסצונוצן די געלעגנהייט צו שיקן דעם נתבע אַ "הזמנה שני'" - אויב נישט מען זאָל זאָגן, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן כדי וואָס גיכער צו קענען אַרויסגעבן אַ "הזמנה שלישית", און אַזוי אַרום קענען גלייך נאָכדעם אַרויסגעבן אַ "כתב סירוב" און "כתב עיקול".

אגב (און גאָר נישט אַזוי "אגב"): הרב ... האָט זיך גאָר נישט דערשראָקן אויך נאָכדעם ווי מ'האָט אים מודיע געווען, אַז אַלס תוצאה פון דעם עגמת-נפש וואָס דער ערליכער און תמימות'דיקער נתבע האָט געהאַט פון דעם דאָזיקן עיוות הדין פון דעם "מכון להוראה", איז ער לא-עלינו צוזאַמענגעפאַלן און איז אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

די דאָזיקע "געאיילטקייט" פון דעם "בית-דין צדק שעל יד מכון להוראה" פון מאָנסי שמעקט מיט עפּעס נישט ערליכעס. דאָס איינציקע וואָס מיר ווייסן איז, אַז דער נתבע האָט נישט געגעבן קיין געלט צום "מכון להוראה" אויף צו נישט איילן זיך אַזוי... (ווער ווייסט, אפשר האָט דער "מכון להוראה" באַקומען געלט פון דעם אַנדער צד אויף צו יאָ איילן זיך...).